בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת מסעי
שנה ג' - גליון ק"כ
שנת תשע"א לפ"ק

הדלקת הנרות
8:00
זמן מוצאי שבת
9:26
פרקי אבות - פרק שני

## ווייטער'דיגע טריט אין דעם זומער ב"ה!

**השמים מספרים** קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן: מיר ענדיגן שוין צו לערנען דעם צווייטן וואונדער, פון דעם באשעפער גרויסע וואונדער. וואס וואסער קען אלט'ס טון, ממש א וואונדער! ווען עס טרינקט אן די ערד וואקסן, שיינע בלומען און גראז, מיט פיינע פרוכט. ווען מיר גייען שווימען האבן מיר א ספעציעלע הנאה פון די "**פיינע וואסער**". די מעשה פון ר' עקיבא מיט'ן שטיין האבן מיר גוט פארשטאנען ווייל א הערליכע זאך האבן מיר דערויף געמאכט. יעדן טאג האבן מיר געמאכט נאך אביסל, געגלאָט, געפעינט, אזוי ווייטער און ווייטער. אזוי אויך ווען חוני המעגל האט געבעטן אויף "**רעגן וואסער**" פון צדיקים האבן מיר זיך ליב אפצולערנען גוט. ווען מען קויפט א נייע זאך טובל'ט מען דאס אין א מקוה מיט "**וואסער**". אזוי וועלן מיר ווייטער לערנען דעם באשעפער'ס וואונדער אויף די וועלט.

## מען שפרינגט מען טאנצט אין די לופט'ן!

**גאר א** געשמאקער טאג איז געווען פאר אונז דעם מיטוואך. אויפן גאס לעבן די תלמוד תורה בילדינג איז אויסגעשטעלט געווארן הויכע פיינע רייד'ס. גלייך ביי פרישטאג האט מיין רבי אויסגערופן אז מען וועט היינט שיין אראפ גיין צו די רייד'ס!! מיר זענען געווארן גאר פרייליך. מען רופט אויס אלע קינדער טוען אויס די שיך אויך די זאקן ווייל מען גייט נאס ווערן מיר טוען אן די שווים שיך א מחי' מיר קענען שוין קויםווארטן אויף די קומענדיגע מינוטן. מיר שפאצירן אראפ אין א שורה, די שמחה איז געוואלדיג! מען טאנצט אריין אונעם גרויסן באלאן מען טאנצט און מען שפרינגט. אזוי גייט מען צו נאך א גליטשער מיט באלי'ס און נאך א גרויסע גליטשער ווי מען פליהט אראפ מיט א שפריץ "**וואסער**" פון אויבן, א מחי' איז דאס געווען! דערנאך גייט מען אריין אין א עלעפאנט רייד ווי מען דרייט זיך ארום אויף די פיינע לופט.

טייערע טאטע און מאמע: מיר קינדער באדאנקען זיך גאר שטארק פארן שיקן די געלט פאר אזעלעכע פיינע רייד'ס.

ספעציעל מוזן מיר זיך באדאנקען פאר אונזער געטרייער מענעדזער ר' **יואל שפילמאן** נ"י פארן אהער שטעלן די קאלטע טרינקען א גאנצע צייט. און אויך אז אלעס זאל ווערן אויסגעשטעלט אויף א שיינעם סדר.

מיר ווילן זיך ספעציעל באדאנקען פאר המלמד החשוב ר' **נתן מאיר ליכטענשטיין שליט"א** פארן אונז ערמעגליכן צוצושטעלן די פיינע רייד'ס און שטייט שטענדיג גרייט צופרידן צו שטעלן די קינדער אז אלעס זאל זיין עצהיו"ט.

## פון מנהל'ס טיש

**מיר ווילן מעלדן פאר די חשוב'ע עלטערן הע"י**. אוף די אנפראגע וואס עלטערן האבן געפרעגט, וויפיל זאכן וועלן נאך קומען פאר ספעציעלע אונטערהאלטונגען. ווי למשל אראפצוברענגען זאכן אדער אוועק פארן. ווילן מיר לאזן וויסן אז אויפן פארלאנג פון חשוב'ע עלטערן וועלן מיר האבן נאר נאך איין זאך, א טריפ מיט די קינדער ווי מען וועט פארן אויף גאר א געשמאקער אויספלוג א הערליכע פארק מיט רייד'ס פאר די קינדער. אי"ה דינסטאג פר' ראה איינס פאר די לעצטע וואך. עס איז געווען אין פלאן אראפ צו ברענגען א זאא מיט חיות אבער מיר וועלן דאס ברענגען אין א צווייטן געלעגענהייט אי"ה, כדי נישט אנצושטרענגען די עלטערן

*מיט דאנק המנהל*

## חכמה'לעך!

שלמה האט געפרעגט זיין טאטע אויב מען מעג יעצט הערן מוזיק און ווען מען האט איהם געענפערט אז יעצט איז די דריי וואכן און די שלעכטע גוים האבן צובראכן די בית המקדש האט ער אנגעהויבן צו וויינען אז די בית המקדש טאר נישט זיין צובראכן... ווען מען האט איהם גֶעזאגט אז ווען מען טוט מצוות ווערט די בית המקדש צוריק אויפגעבויעט האט ער געמאכט א שיינע ברכה.

ווען מען האט מסביר געווען פאר **אברהם יעקב'לע** אז אין די דריי וואכן טאר מען נישט הערן קיין מוזיק ווייל די שלעכטע גוים האבן צובראכן די וואנט פון ירושלים און פארברענט די בית המקדש. האט זיך **אברהם יעקב'לע** אנגערופן אז ביי אונזער חדר פיקסן די גוים צוריק די וואנט...

**משה יצחק** וויל וויסן ווי אזוי דער מנהל איז ארויף אין הימל צו גיסן די וואסער ביי די מעשה פון חוני המעגל...

# די געשמאקע רייד'ס פאר די קינדער





# מזל טוב וואונטשן

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
אברהם ארי' ב"ר חיים אליעזר העללער נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי יעקב הערש צין שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
שמעון ב"ר יצחק אייזיק פאוועל נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי מאיר משה שפיטצער שליט"א
און רבי ירמי' לעווי שליט"א

### ברכת צאתכם לשלום
פאר הילד
טובי' ב"ר יצחק אליקום שווארץ נ"י
לכבוד זייער מופן צו קרית יואל
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי דוד ווערטהיימער שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
הערשל ב"ר חיים יחזקאל שטיינמעטץ נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי יואל שמאיע שליט"א

### ברכת מזל טוב
פאר הילד
שמעון ב"ר דוד יושע כ"ץ נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי דוד ווערטהיימער שליט"א

### ברכת צאתכם לשלום
פאר הילד
אברהם לייב ב"ר יצחק אליקום שווארץ נ"י
לכבוד זיין מופן צו קרית יואל
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי רבי יעקב הערש צין שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**